Digitized by the Internet Archive
in 2016 with funding from
Boston Public Library

https://archive.org/details/sauenunregulatsy00fere

225

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

סטאטוטען און רעגולאציען

פון דיא

פעראייניגטע שעהר קלאבס

פון דער

אידישער קאלאניאל-באנק.

הודפס בווא

...RCIAL STREET,

LONDON, E.,

ENGLAND.

ציון

לאנדאן:

„אידישער עקספרעסס" דרוקעריי, 89, קאמערשע...

1901—5661.

סטאטוטען און רעגולאציען

פון דיא

פעראייניגטע שעהר קלאבס

פון דער

אידישער קאלאניאל-באנק

הויפּ

TREET,

LONDON, E.,

ENGLAND.

ציון

לאנדאן.

„אידישער עקספרעסס" דרוקעריי, 89, קאמערשעל סטריט, לאנדאן, איסט.

1901—5661.

דיא פֿעראייניגטע שעהר קלאבס,

פֿון דער

אידישער קאלאניאל באנק.

I.—הויפּט-ביורא.

1) דער זיטץ פֿון הויפּט־ביוראָ זאָל זיין אין לאָנדאָן, אַללע קלובס מוזען דירעקט אונטערהאַנדלען מיט דיזען ביוראָ אונד גע־האָרכזאַם זיין צו די געזעצע אונד תקנות וואָס דיזע ביוראָ גיעבט אַרויס.

2) דער ציעל פֿון דער הויפּט־ביוראָ איז צו פֿיהרען דיא אַנגעלעגענהייטען פֿון אַללע שעהר קלובען, וועלכע האָבען דעם צוועק צו פֿערקויפֿען אַקציען פֿון דער „אידישער קאָלאָניאַל־באַנק."

II.—דיא פיהרונג פון דיא עקזעקיוטיוו קאמיטע.

1) דער הויפּט־ביוראָ איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון 15 פּערזאָנען, וויא פֿאָלגט: — אַ פּרעזידענט, צוויי וויצע־פּרעזידענטען, צוויי קאַסירערס צווייא רואי חשבון, צווייא סעקרעטערס אונד זעקס קאָממיטע מיט־גליעדער, וועלכע דאַרפֿען אללע וואָהנען אין לאָנדאָן, זייא דאַרפֿען יעדען יאָהר אויסגעקליבען ווערען פֿון די דעליגירטע פֿון די קלובען. דיא יעניגע דעליגירטע וואָס קענען ניט פּערזענליך זיין אַנוועזענד בייא דיא וואהלען קענען זייערע שטימען דורך פּאָסט אריינשיקען פֿריהער פֿאַר דעם טאָג פון ערוועהלונג.

2) דיא סטאַטוטען קענען ניט איבערגעמאַכט ווערען, סיידען ביי אַ ספּעציעל פֿעררופֿענע אסיפֿה צו דעם צוועק, פֿון 20 דעלעגאַטען אונד פֿון דער הויפּט־ביוראָ.

3) אַ קוואָרום (דיא אַנוועזענהייט פֿון אַ נייטהיגע צאָהל מיט־גליעדער צו מאַכען דיא האַנדלונגען פֿון אַ פֿערזאַמלונג געזעצליך) פֿיר יעהרליכע וואהלען דאַרף זיין ניט וויניגער וויא 20 מיטגלידער אונד פֿיר אַנדערע אסיפות דאַרף זיין ניט וויניגער וויא פֿון 7מיט־גליעדער.

4) יעדער מיטגליעד מעג האָבען וויפֿיעל מאַרקען־ביכער אויף זיין נאָמען, אַ שטימע האָט ער אָבער נור איינע. אויב שטיממען וועגען אַ געוויסע פֿראַגע טהיילען זיך פונקט אין צוויי העלפֿטען, האָט דער פּרעזידענט איין שטימע דורך וועלכע ער קען מכריע זיין אויף וועלכע זייט ער וויל נאָך זיין מיינונג נאָך.

5) דיא הויפּט־ביוראָ וועט האָבען מאַרקען געדרוקט אין בייגען, (90 מאַרקען אין אַ בייגען), וועלכע זיא וועט צוטהיילען צו דיא קלובען, געגען אַ צאַהלונג פֿון 1 פֿונט 2 שיללינג און 6 פּענס איין בייגען.

6) דיא הויפּט־ביוראָ דאַרף פֿיהרען אַ ריכטיגען רעכנונג פֿון דיא געדרוקטע מאַרקען־בייגענס וועלכע ווערען אריינגענומען אָדער אַרויסגעגעבען.

7) דאָס געלד וואָס ווירד ערהאַלטען פֿון דיא מאַרקען זאָלל אין דער קורצעסטער צייט הערייגעטראָגען ווערען אין דיא „אידישע קאָלאָניאַל באַנק,” אין לאָנדאָן, אויף דעם נאַמען פֿון דיא „פֿעראייניגטע שעהר קלובס.”

8) דיא הויפּט ביוראָ וועט פֿאַר יעדען מיטגליעדס איינגע־צאָקלטע 84 מאַרקען-ביכעל, שיקען איין אַקציע דורך זיין קלוב, און וועט נור בערעכענען דיא פּאָרטאָ וויפֿיעל עס וועט אויסמאַכען.

9) ווען איין ביכעל איז אויסגעצאָהלט, האָט דער פּרעזידענט, קאַסירערס אונד סעקרעטער פֿון דער הויפּט־ביורא דאס רעכט אהנע איינע ספּעציעלע ערלויבנים פֿון דער קאָמיטע, הערויסצונעהמען דיא אַקציע פֿון דער באַנק, אונד דעם אייגענטהימער דורך זיין פֿעריין, צו צושטעלען.

10) דיא אויסגאַבען פֿון דרוק־זאַכען, א.ז.וו., זאָלען נעדעקט ווערען פֿון דעם מיטגליעדס־געלד פֿון איין שיללינג פּער ביכעל.

11) פֿון דיעזען שיללינג בעקומט יעדער קלוב 6 פענס פֿון הויפט ביוראָ אַללע דרייא מאָנאַט הערויסבעצאהלט, פֿיר פּראָפּאָ־גאַנדאַ־צוועקען, פֿיר דיא אינטערעסען דער שעהר־קלובס.

12) אַללע מאָנאַט זאָלל שטאַטפֿינדען איין דעלעגאַטען פֿערזאַמלונג (צווייא דעלעגאַטען פֿון יעדען קלוב) פֿון דיא לאָנדאָנער קלובען, אום צו הערען דעם בעריכט פֿון דיא עקזעקיוטיוו קאָמיטע, און אַנדערע זאַכען וואָס עס וועט פֿאָרקומען.

13) דיא עקזעקיוטיוו קאָמיטע, ווען זיא פֿינדעט פֿאַר נייטהיג צו איהרע אַרבייט, דאָס זיא ברויך נאָך קאָמיטע־מיטגליעדער, דאַן קען זיא אויף דעם מאָנאַטליכען דעלעגאַטען־פֿערזאַמלונג אויסוועהלען פון דיא דעלעגירטע, וויפֿיעל זיא ברויכט.

14) אַללע דרייא מאָנאַט זאָלל איין געדרוקטער באַלאַנס פֿון דעם הויפט־ביוראָ אויסגעשיקט ווערען צו אַללע קלאבען.

15) בייא דעם יעהרליכען פֿערזאַמלונג פֿון קאָמיטע־מיטגלידער פֿון אַללע קלובען, זאָל איין געדרוקטער רעפּאָרט אונד איין גענויע רעכנונג איבער דעם פֿערגאַנגענעם יאהר פֿאָרגעלייגט ווערען, אונד אויסגעשיקט ווערען צו דיא קלובען.

16) דיא אויסגעצאהלטע ביכער פֿיר וועלכע שעהרס זיינען שאהן ארויסגעגעבען, זאָלל דיא הויפט־ביוראָ האַלטען פֿיר קאָנטראָלע.

III.—מארקען דעפּא.

דיא עקזעקיוטיוו קאָמיטע האָט דאָס רעכט אין אויסלאַנד וואו איינינע שעהר־קלאַבס עקסעסטירען, צו מאַכען איין מאַרקען־דעפּאָ, אום צו ערלייכטערען דיא אַרבייט פֿון דיא קלובען.

געזעצען און תקנות פאר דיא קלובען

(אונטער דיא אויפזיכט פון דיא הויפט-ביוראָ.)

I.—בייטריטס ערקלעהרונג.

ווען איין קלוב ווירד געגרינדעט מיט דיא נייטהיגע צאהל קאָמיטע־מיטגליעדער, פיהלט זיא אויס דעם בייטריטס ערקלעהרונג (וועלכען וויר גיבען היערמיט) אונד שיקט דאס צו דעם הויפט־ביוראָ, אין לאָנדאָן, צוגלייכער צייט זאָלל דער קלוב שרייבען צום הויפט־ביוראָ וויפיעל ביכער אונד מאַרקען ער ברויכט, אונד זאָלל דעם בעטראַג דאַפיר ביילייגען. קיינע מאַרקען אונד קיינע ביכער ווירד ניכט געשיקט בעפאָר מאן ניכט באצאהלט האט.

II.—קאמיטע.

יעדער קלוב וועהלט אויס אַללע יאָהר, א פרעזידענט, אַ וויצע־פרעזידענט, צוויי קאַסירערס, צוויי רואי חשבון, א סעקרעטער און א קאָמיטע פון מינדעסטענס 5 פערזאָן. דאַמען קענען דיזע אַללע שטעלען פערמרעטען גלייך וויא מענער.

III.—דער צוועק.

1) דער צוועק פון דיא קלובען איז צו געבען מיטגליעדער דיא מעגליכקייט צו קריגען אַקציען פון דיא „אידישע קאָלאָניאַל־באַנק" אויף וועכענטליכע אָבצאהלונגען.

2) געלד נאָך לאָנדאָן זאָל געשיקט ווערען אין אנווייזונגען אויף ענגלישע געלד, אום צו פאַרהיטען עס זאָל צו קיין פערלוסט ניט קומען ביים אויסוועקסלען.

3) פָאלגענדע ביכער זיינען ווינשענסווערטה פִיר דיא קלובען:
אַ רעגיסטער בוך פִיר דיא מעמבערס, אַ פַערהאַנדלונגס־בוך, אַ
בעזוך־בוך, א הויפּט־בוך, קאסא־בוך און א זשורנאַל.

4) דיא פָאלגענדע רעכנונגען מוזען געהיט ווערען: אַ סובסקריפּציר־
אָנס בוך, וואָס ווייזט ריכטיג וויפִיעל עס ווערט ערהאַלטען אַלע וואָך,
איין אַקציען רעכנונג, וואָס ווייזט וויא פִיעל אַקציען זיינען געקויפט
און פַארטהיילט געוואָרען, אַ סטאָק רעכנונג, צו וויסען וויא פִיעל
מאַרקען מען האָט פון דיא הויפּט־ביורא גענומען, וויפִיעל זיינען
פערקויפט, וויא פִיעל ליגען נאָך אין סטאָק, וויפִיעל מאַרקען־ביכער
האָט מען גענומען, אונד פערקויפט, וויפִיעל צוריק געגעבען פִיר
אַקציען. אַלע מאָנאַט מוז מען מאַכען אַ אויסצוג פון דיא אויבענ־
גענאַנטע ביכער און איין רעפּאָרט צושטעלען ניט שפּעטער וויא אין
7 טעג צו דיא הויפּט־ביוראָ.

5) דיא מאַרקען־ביכער מוזען עקזאַמענירט ווערען מינדעסטענס
אַללע דריי מאָנאַט.

6) אויב אַ מיטגליעד פָארט ארויס אין איין אַנדער שטאָדט,
קען מען איהם איבערשרייבען צו איין אַקציען קלוב אין יענער
שטאָדט. דער ערשטער קלוב שיקט אריין אַהין דיא איינגעצאָלטע
געלד און דער אַנדער קלוב שיקט איהם אריין אַנטקעגען אזוי פִיעל
מאַרקען (ריינע ניט גענוצטע) צו דעם ערשטען קלוב.

7) אַלע געשעפטען מוז ווערען געמאַכט צווישען די מיטגלידער
אין זייערע אייגענע קלובען, און אויך צווישען דיא קלוב־פָארשטעהר
אונד דיא הויפּט־ביוראָ.

8) ווען אַ מעמבער נעמט ניכט קיין מאַרקען א גאַנצען יאהר
לאַנג, פערליערט ער זיין איינגעצאהלטע געלד, זאָ וויא זיין מיט־
גליעדס רעכט.

9) ווען איין מעמבער פערליערט זיין מאַרקען־ביכעל, איזט
דער קלוב גאָר ניכט פעראַנטוואָרטליך, אונד צאָהלט ניכט הערויס,

אָבער ווען אַ ביכעל איז פֿאַרברענט געוואָרען אין א שרפה, האָט דער מעמבער נור צו צאהלען 6 פענס פֿיר איין נייע ביכעל, אונד דאָס איינגעצאהלטע געלד פֿיר דיא מאַרקען ווירד פֿערעכנעט.

IV.—מיטגליעדער.

1) אַללע וואָס וויליגען איין צו האַלטען דיא געזעצען פֿון דעם קלוב קענען ווערען מיטגליעדער. אַ מיטגליעד וואָס טהוט אַזאַ פֿער־ברעכען וואָס בעשמוצט דעם אידישען נאָמען, אָדער דעם ציוניזמוס, אָדער אַ מיטגליעד וואָס שאַדעט דעם צוועק פֿון קלוב, דאַרף רעד־פּאָרטירט ווערען צום הויפּט־ביוראָ. אויב עס איז דאָ גענוג בעווייזע געגען אַזעלכען, דאַרף ער פֿון קלוב אויסגעשלאָסען ווערען, מען דאַרף איהם אָבגעבען דיא איינגעצאהלטע סוממע און צו נעהמען פֿון איהם דיא מאַרקען און דעם מאַרקען־בוך.

2) יעדער מיטגליעד קריעגט ביין איינטרעטען איין מאַרקען־בוך פון דעם קלוב, אויף דעם פֿאָרערבלאַט, זאָלל זיין אויפֿגעשריבען דיא שטאָדט אונד דיא רעדזשיסטרירטע נומער פֿון דיא חברה, און אויך דעם נאַמען און אַדרעס פֿון דעם מיטגליעד.

3) דער נאַמען און אַדרעס פֿון דעם מיטגליעד מוז פֿון איהם זעלבסט אונטערשריעבען זיין, צום בעדייטונג דאָס ער (אָדער זיא) שטיממען איין מיט דיא סטאַטוטען און געזעצען פֿון דיא קלובען און הויפּט־ביוראָ.

V.—אסיפות.

1) מינדעסטעגס דאַרף דער קלוב האָבען איין אסיפה אין יעדע וואָך. צוויא קאָממיטע מיטגליעדער מוזען דאַביי זיין, צונעהמען סובסקריבציאָנען, געבען מאַרקען, מאַרקען־ביכער און אַלגעמיינע אויסקינפֿטע.

2) אַללע חודש דאַרף זיין א פערזאַמלונג און דער סעקרעטער זאָל בעריכטען אַלעס וואָס האָט פאסירט אין קלוב וועהרענד דעם חודש. צו דיא פֿערזאַמלונגען פון אללע חודש ווערען צוגעלאזען נור מיטגליעדער.

VI.—צאהלונג.

דיא צאהלונגען מוזען זיין אין סוממען פֿון אַ אַבציגסטעל פֿון אַ פֿונט, ד. ה. 3 פּענס אָדער (נאָך דיא געלדער פֿון זיין לאַנד), אַנשטאַט אַ שטר קבלה בעקוממט מען אַ מאַרקע, וועלכען מען מוז אריינקלעפּען אין דעם מאַרקען בוך וואָס יעדער מיטגליעד בעקוממט.

VII.—אקציען.

אזוי גיך וויא עס זייגען אָנגעקלעפּט מאַרקען אין ווערטה פֿון 21 שילינג (84 מאַרקען) אין מאַרקען־בוך, ברויך זיך דער סעקרעטער מיט דעם קאַסירער צו ווענדען צו דעם הויפּט־ביוראָ אונד פֿער־לאַנגען פיר דעם פערזאָן איין רעדזשיסטרירטע אַקציע.

VIII.—א קלאב מעג געשלאָסען ווערען.

1) ווען דיא באַנק פערקויפט קיין שעהרס ניט.

2) ווען דיא צאהל פון מיטגליעדער־איז ווייניגער וויא זעקס.

3) אָדער דיא קלוב האָט ניט געפיהרט, נאָך דיא סטאַטוטען פֿון דעם בוך.

דיעזע סטאַטוטען אונד רעגולאַציאָנען איז איינשטימיג אָנגע־
נומען געוואָרען בייא דעם מאָנאַטליכען דעלעגאַטען־פערזאַמלונג,
אַן דינסטאַג דען 20־טען אויגוסט, 1901 – 5661.

אַללע מיטהיילונגען זאָללען אדרעסירט ווערען צו דעם סעקרעטער

THE JOINT SHARE CLUBS,

Head Office:

3, COMMERCIAL STREET,

LONDON, E.